בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קינְדֶער זָאלְט איר מוֹדיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זיך גיטָאן (שיהרי"ן ר"ט)

ויצא תשפ"ו
גליון 261

## דער ריינער קוואל

אַ גוּטְן לֶעכְטיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרע קינְדֶער

אין די וָואכֶעדיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מיר וויאַזוֹי יַעֲקֹב אָבִינוּ איז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּארְג דָארְט וואוּ עֶס גֵייט גֶעבּוֹיט וֶוערְן דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דָאס פְּלַאץ פוּנֶעם אֶבֶן שְׁתִיָּה. ר' נָתָן איז מַסְבִּיר אוֹיפְן פָּסוּק וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא (בְּרֵאשִׁית כח) אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ איז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוֹיף דֶעם פְּלַאץ. דָאס איז מְרַמֵּז אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזֶען בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ וויאַזוֹי עֶס גֵייט זַיין אין גָלוּת, אַז דֶער עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה און דַאוֶוענֶען צוּם אוֹיבֶערְשְׁטְן איז זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶס איז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל און רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. און עֶס איז שְׁוֶוער זיך אוֹיפְצוּהֵייבְּן און זיך בַּאנַייעֶן צוּ דַאוֶוענֶען ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

ווער איז שׁוּלְדיג אין דֶעם?

זָאגְט ר' נָתָן אַז נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶער נָאר דֶער סַמֶךְ-מֶם אַלֵיין. עֶר פַּאדְרֵייט די קָאפּ מיט אַלֶע מִינֵי דִּמְיוֹנוֹת וֶוען אַ אִידִישׁ קינְד שְׁטֶעלְט זיך דַאוֶוענֶען. פוּן דֶעם גֶעשֶׁעט אַז זֵייעֶר אַסאךְ מֶענְטְשְׁן און כִּמְעַט רוֹב קינְדֶער און בָּחוּרִים זֶענֶען זיך מְיַיאֵשׁ צוּ דַאוֶוענֶען בְּכַוָּונָה, און דַאוֶוענֶען נָאר מיט די מוֹיל, אָן כַּוָּנַת הַלֵּב. ווייל זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי קֶענֶען זיך נִישְׁט שְׁטַארְקְן אַנְטְקֶעגְן די אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אין קָאפּ ווי נָאר מֶען עֶפְנְט דֶער סִדּוּר.

דֶערְפַאר איז יַעֲקֹב אָבִינוּ אַרַיין אין אַ שְׁלָאף 'בַּמָּקוֹם הַהוּא' דָאס מֵיינְט מֶען די 'הַיינְטִיגֶע גָלוּת' די פַארְשְׁלָאפֶענֶע דַאוֶוענֶען. הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז די עֵצָה דֶערְצוּ איז נָאר צוּ נוּצְן זַיין מִדָּה וָואס דָאס איז "אֱמֶת", אַז מֶען זָאל זָאגְן די וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען מיט אֱמֶת. די עֶרְשְׁטֶע טְרֶעפֶּעלֶע אַרַיין איז צוּ דַאוֶוענֶען פוּן אָנְהֵייבּ סִדּוּר פַּאמֶעלִיךְ צוּשְׁטֶאטְלִיךְ, און זיך צוּהֶערְן צוּ די וֶוערְטֶער וָואס מֶען זָאגְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל אַזוֹי ווי אַ קְלֵיין קינְד דַאוֶוענְט מיט אַן אֱמֶת. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז מֶען זֶעט אַ גֵר וָואס הָאט זיך מְגַיֵּיר גֶעוֶוען ווי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ עֶר איז וֶוען עֶר קֶען שׁוֹין זָאגְן נָאר די וֶוערְטֶער אַלֵיין בִּיז בָּרוּךְ שֶׁאָמַר. און דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס אַז מֶען דַארְף זיך שְׁטַארְק פְרֵייעֶן אַז מֶען איז עַל כָּל פָּנִים זוֹכֶה צוּ זָאגְן די וֶוערְטֶער פוּנֶעם דַאוֶוענֶען. (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תִּנְיָנָא קכ"א)



נָאךְ אַן עֵצָה שְׁרֵייבְּט דֶער רֶבִּי דָארְט, אַז מֶען

זָאל נֶעמֶען אֵיין קְלֵיין שְׁטִיקְל פוּנֶעם דַאוְֶוענֶען, אוּן דָארְט אַרֵיינְלֵייגְן אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ דַאוְֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה, אוּן נָאכְדֶעם קֶען מֶען נֶעמֶען נָאךְ אַ שְׁטִיקֶעלֶע, וַוייל פוּן אָנְהֵייבּ אִיז שְׁוֶוער צוּ אוּנְזִין הָאבְּן דִי גַאנְצֶע דַאוְֶוענֶען, אָבֶּער אַבִּיסֶעלֶע קֶען מֶען יָא דַאוְֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה.

הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז מִיט דִי עֵצָה פוּן אֱמֶת קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי טוּנְקֶלְקַייט אוּן צוּמִישְׁקַייט בַּיים דַאוְֶוענֶען. דֶערִיבֶּער זָאגְט דֶער פָּסוּק: וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה "סֻלָּם" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "קוֹל" דִי בְּחִינָה פוּן 'קוֹל קוֹל יַעֲקֹב' דָאס מֵיינְט אַז טְרָאץ וָואס דַיינֶע וֶוערְטֶער פוּן דַאוְֶוענֶען לִיגְט אִין דֶער עֶרְד אִין זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע פְּלַאץ עֶס אִיז נָאךְ וַוייט פוּן אֱמֶת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אֱמֶת מֵאֶרֶץ תִּצְמָח (תְּהִלִּים פה), מִיט דֶעם אַלֶעם , "וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה", גְלַייךְ וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אֱמֶת, הֵייבְּט אָן וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן מְ'קוּמְט אָן בִּיזְן הִימְל, דָאס הֵייסְט דִי תְּפִלָּה דֶערְגְרַייכְט גָאר גָאר הוֹיךְ אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים אוּן אַלֶע אוֹיבֶּערְשְׁטֶע עוֹלָמוֹת קֶענֶען אַרוֹיף גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת (ליקוטי הלכות חנוכה ו' - עי' ליקוטי מוהר"ן ט').

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז טַאקֶע הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ בַּאנַייעֶן מִיט אַן אֱמֶת, אוּן אָנְהֵייבְּן דַאוְֶוענֶען מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אוּן מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זִיךְ צוּ קֶענֶען אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְן לַייטֶער הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען פַאלְט חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפּ פוּנֶעם לַייטֶער זָאל מֶען זִיךְ דְרַאפֶּענֶען אוּן נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְגֵיין. אוּן אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת זָאלְן דֶערְגְרֵייכְן דֶעם שַׁעַר הַשָּׁמַיִם, אוּן מְעוֹרֵר זַיין דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה בְּקָרוֹב.

המשך פון זייט 12

# שְׁטֵייגְן

אוּן זָאגְן אוֹיס פַאר זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים וָואס זֵיי פַארְהֶערְן, הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז 'נָאר יַעֲנְקִי' אִיז אַ גְלַייכֶער אוּן עֶר אִיז פַּאסִיג צוּ וֶוערְן גֶעשְׁטֶעלְט אַלְס בּוֹחֵן בַּיי הַפְסָקָה. יַעֲנְקִי הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דִי מִשְׁנַיוֹת. דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ פַארְהֶערְט שְׁנֶעל אֵיין פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק. עֶר הָאט זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גְרוֹיס גֶעהַאלְטְן מִיט זַיין שְׁטֶעלֶע; פַארְקֶערְט, עֶר הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אַלֶעמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן אַלֶעמָאל גֶעהַאט אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן אִינְגְל.

עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים זֶענֶען אַרִיבֶּער. יַעֲנְקִי וָואס הָאט פַארְהֶערְט אַסַאךְ תַּלְמִידִים פִּיל מַסֶכְתּוֹת, הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ קֶענֶען מִשְׁנַיוֹת בַּעַל פֶּה (!) יָא יָא! אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען שָׁאקִירְט אוּן אִיבֶּערְרַאשְׁט צוּ זֶען וִוי יַעֲנְקִי דֶער פָּשׁוּטֶ'ער תָּמִים קֶען פַארְשְׁטֵייט, אוּן פַארְהֶערְט זִיךְ אֲפִילוּ. קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִי מַחֲלוֹקֶת פוּן דִי תַּנָּאִים, זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ יַעֲנְקִי אִים צוּ פְרֶעגְן פְּשַׁט פוּן דִי מִשְׁנַיוֹת, אוּן פוּן אִים הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט דִי גַאנְצֶע מִשְׁנָה פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף אוֹיף אַ קְלָארֶע פָּשׁוּטֶ'ע אוּן מְסוּדָר'דִיגֶע אוֹפֶן. אַרוּם אִים אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַ מַצָּב אוּן טוּמְל, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען קְלָאר פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַז מֶען קֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן יַעֲנְקִי וִויאַזוֹי צוּ פַארְשְׁטֵיין אַ מִשְׁנָה מִיט אַ גְלַייכְקַייט אוּן קְלָארְקַייט.



# איין מעשה'לע

## ס'איז געשען צו מיר!

**100% תפלה**

מ.ח.מ. - 9 יָאר

### מָאנְטָאג 10:00 צוּפְרִי

"וָואס טוּט זִיךְ דָא?" פְּרֶעגְט לֵייבִּיש פַּארְוואוּנְדֶערְט, אַרַיינְקוּמֶענְדִיג אִין כִּתָּה וואוּ עֶס הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ טַאפֶּענְדִיגֶע אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט.

"וָואס, דוּ ווייסְט נִישְׁט?" עֶנְטְפֶערְט חַיִּים מֹשֶׁה. "הַיינְט גֵייט זַיין דִי גְרוֹיסֶע בְּחִינָה דוּרְךְ דֶעם מַשְׁגִּיחַ."

לֵייבִּיש אוּן בֶּערִיש בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט אַן אָפֶענֶעם מוֹיל. וָואס וֶועט דָא זַיין?

### צְוֵויי וָואכְן פְּרִיעֶר

עֶנְדְלִיךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער גְרוֹיסֶער טָאג וָואס לֵייבִּיש אוּן בֶּערִיש הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג גֶעוַוארְט אוֹיף דֶעם. זֵייעֶר אֵיינְצִיגֶער פֶּעטֶער גֵייט חֲתוּנָה הָאבְּן! אַלֶע קוּזִינֶס גְרֵייטְן זִיךְ אִין גְרוֹיסְן, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט אַ נִיגוּן לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה...

יֶעצְט וֶוערְן זֵיי גֶעוָואוִיר צוּ זֵייעֶר גְרוֹיס בַּאדוֹיעֶר אַז אִין דֶער צַייט פוּן דֶער שִׂמְחָה - וֶוען מֶען אִיז יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט אוּן אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען פְּרִי - הָאט דֶער מַשְׁגִּיחַ אַיינְגֶעמָאלְדְן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע בְּחִינָה. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט זֵיי צוּ אַיינְמֶעלְדְן דֶערְוֶועגְן אוּן זֵיי אַלֵיין הָאבְּן נִישְׁט אִין אַכְט גֶענוּמֶען אַז מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּם פַּארְהֶער. (נָאךְ אַ סִבָּה זִיךְ צוּ פַּלַייסְן אֲפִילוּ אִין צַייט פוּן אַ שִׂמְחָה...)

בֶּערִיש הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן. "וָואס וֶועט דָא זַיין? וִויאַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען גוּט דִי בְּחִינָה?"

לֵייבִּיש הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן צוּ זַיין קָאזִין. "אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע עֵצָה."

"וָואס?"

"מַיין טַאטֶע-"

"וָואס זָאגְט דַיין טַאטֶע, אַז מֶען מוּז נִישְׁט קֶענֶען דִי בְּחִינָה?" הָאט בֶּערִיש אִים אִיבֶּערְגֶעהַאקְט.

"נֵיין." עֶנְטְפֶערְט לֵייבִּיש. "עֶר זָאגְט שְׁטֶענְדִיג נָאךְ פוּן רֶבִּי'ן אַז תְּפִלָּה אִיז אַן עֵצָה פַאר אַלֶעס."

"אִיז וָואס ווילְסְטוּ מִיר זָאגְן?" פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט בֶּערִיש.

"אִיךְ וויל דִיר זָאגְן אַז מֶען קֶען יֶעצְט צוּזַאמֶען בֶּעטְן פוּנֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען בַּיים בְּחִינָה."

ווי נָאר בֶּערִיש הֶערְט עֶס פְּלַאצְט עֶר אוֹיס אִין אַ גֶעלֶעכְטֶער. "הַא הַא! דוּ טְרַאכְסְט אַז דָאס וֶועט הֶעלְפְן? אַז מֶען חַזֶר'ט קֶען מֶען, אוּן אַז נִישְׁט, נִישְׁט."

לֵייבִּיש ווייסְט אָבֶּער נִישְׁט פוּן קַיין חָכְמוֹת. עֶר נֶעמְט אַרוֹיס אַ תְּהִלִּים אוּן זָאגְט וָוארְט נָאךְ וָוארְט, פָּסוּק נָאךְ פָּסוּק, קַאפִּיטְל נָאךְ קַאפִּיטְל, אוּן בֶּעט פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל קֶענֶען בַּיים בְּחִינָה.

אִין דִי אַנְדֶערֶע עֶק כִּתָּה זִיצְט בֶּערִיש אוּן חַזֶר'ט דִי בִּיסְל צַייט וָואס אִיז נָאךְ פַּארְבְּלִיבְּן מִיט אַ הָאפֶענוּנְג אַז עֶר זָאל קֶענֶען בַּיים בְּחִינָה.

דִי גְלָאק הָאט נִישְׁט פַּארְשְׁפֶּעטִיגְט, אוּן בִּיז אַפָּאר מִינוּט זִיצְט יֶעדֶער אִיבֶּערְגֶעבּוֹיגְן אוֹיף זֵייעֶרֶע בְּלֶעטֶער, עֶנְטְפֶערְנְדִיג אוֹיף אַלֶע שְׁאֵלוֹת.

* * *

"צְוֵויי אִינְגְלֶעך הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ 100% אוֹיף זֵייעֶר בְּחִינָה," הֶערְט זִיךְ דִי דְרַאמַאטִישֶׁע שְׁטִימֶע פוּן דֶער מַשְׁגִּיחַ. יֶעדֶער זִיצְט גֶעשְׁפַּאנְט צוּ הֶערְן וֶוער זֵיי זֶענֶען.

"יְחֶזְקֵאל שְׁטֶערְן, אוּן לֵייבִּיש שְׁטֵיינְבֶּערְג!"

יָא, אִיר קֶענְט אֶפְשָׁר נִישְׁט גְלֵייבְּן, אָבֶּער לֵייבִּיש הָאט בַּאקוּמֶען אַ 100% אוֹיף זַיין בְּחִינָה, אִין זְכוּת פוּן זַיין הֵייסֶע תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער!




## די ערשטע ימים נוראים ביים רבי'ן

*אין די פריערדיגע קאפיטלעך האבן מיר מיטגעהאלטן ווי רבי נתן זוכט עפעס א העכערקייט אין לעבן און קען דאס נישט געפונען ביז ער איז זוכה אנצוקומען צום הייליגן און ווערט באגליקט אויפן לעבן.*

*רבי נתן איז אנגעקומען צום רבי'ן דעם ערשטן טאג סליחות און האט זיך צוריקגעקערט ערב שבת ווען ראש השנה יענעם יאר איז אויסגעפאלן זונטאג.*

*ביז אהער האבן מיר געשילדערט פון רבי נתנ'ס ערשטע טעג ביים רבי'ן. אצינד וועלן מיר שילדערן איבער די ערשטע ימים נוראים ביים רבי'ן.*

**ראש השנה תקס"ג**

## ערב ראש השנה.

אין ברסלב טוט זיך א געפילדער. די שאסייען זענען אנגעלייגט מיט פערד און וועגענער וועלכע שטראמען אריין פון אלע עקן לאנד. ריכטיג, ס'איז היינט זונטאג, א מארק טאג ווען סוחרים קומען און גייען יעדער מיט זיין סחורה, אבער צווישן זיי דערקענט זיך א גרויסע ציבור חסידים וועלכע זענען געקומען צום רבינ'ס ראש השנה. זיי ווייסן ווי שטארק דער הייליגער רבי איז מקפיד אז מען זאל זיין ביי אים אויף ראש השנה. קיינער וויל נישט פעלן...

מען קען זיך פארשטעלן אז דער מצב האט אויסגעזען עטוואס ענליך צו פושקינא גאס. מענטשן שלעפן פעקלעך, מען זוכט אכסניא'ס, מען לויפט אין מקוה מיטן האנטוך אויפן אקסל. מיט די נאסע פאות לויפט מען צו ענדיגן די לעצטע הכנות...

ראש השנה ביינאכט.

דער עולם איז זיך צאמגעקומען ביים רבי'ן אין שול באגריסנדיג זיך איינעם דעם צווייטן א גוט געבענטשט יאר. אן אימה ויראה הערשט אינעם גאנצן ארום.

רבי נתן באטראכט דעם עולם חסידים מיט א זייטיגן בליק. ס'איז נישט דאס ערשטע מאל וואס ער באגעגנט חסידים, אבער אצינד באקענט ער זיך צום ערשטן מאל מיט דעם רבינ'ס לייט. ער קוקט זיי נאך ביים דאווענען און ווערט ערשטוינט פון זייער פייער און התלהבות מיט וואס זיי לייגן אראפ א דאווענען, און א געפיל פון קנאה כאפט זיך אריין ביי אים. ער

ער קוקט זיי נאך ביים דאווענען און ווערט ערשטוינט פון זייער פייער און התלהבות מיט וואס זיי לייגן אראפ א דאווענען, און א געפיל פון קנאה כאפט זיך אריין ביי אים. ער וויל אויך זיין א "ברסלב'ער". עס גליסט זיך אים צו דאווענען מיט אזא דערהויבנקייט ווי אט די ברסלב'ער חסידים.

מען האלט שוין ביי שמונה עשרה. דער עולם האט שוין אויסגעטרעטן אבער דער רבי שטייט נאך אויף זיין ארט, ווי זיין מנהג איז געווען צו מאריך זיין בי שמונה עשרה פון מעריב דעם ערשטן נאכט.

שא שטיל צעגייען זיך די חסידים אהיים, יעדער צו זיין אכסניא צו פראווען די סעודת יום טוב. מען רעדט נישט קיין איבעריגע ווארט, אזוי האט דער רבי אויסגעלערנט זיינע לייט, אז דעם ערשטן טאג פון ראש השנה רעדט מען נאר וואס עס איז וויכטיג. אויך דער רבי אליין האט כמעט נישט גערעדט. אפילו יוצרות האט ער געזאגט נאר געציילטע.

די חסידים האבן געפראוועט א סעודה און זיך צוריקגעקערט צום ביהמ"ד וואו זיי האבן נאך געפונען דעם רבי'ן אויף זיין ארט טיף אינמיטן שמונה עשרה.

פיר שעה (!) איז דער רבי געשטאנען און געדאווענט שמונה עשרה בשעת ער האט עוסק געווען אין הויכע ענינים וואס מיר קליינע מענטשעלעך קענען נישט באגרייפן.

## ראש השנה בייטאג.

ראש השנה איז געווען פון די באשטימטע צייטן ווען דער רבי האט זיך נוהג געווען צו זאגן א לאנגע תורה. דער רבי האט אנגעהויבן צו זאגן תורה בין השמשות פון ערשטן טאג און אריינגעצויגן ביז שפעט אויפדערנאכט פון צווייטן נאכט ראש השנה.

דאס יאר האט דער רבי אנגעהויבן דעם תורה מיטן מאמר חז"ל: "חייב אדם לומר, בשבילי נברא העולם - יעדער דארף זאגן, צוליב מיר איז די וועלט באשאפן געווארן." און אויב די וועלט איז באשאפן געווארן צוליב מיר, בין איך דאך פאראנטווארטליך צו דאגה'ן פאר איר וואוילזיין. איך דארף מתפלל זיין פאר די וועלט און זארגן פאר איר תיקון. דער רבי האט ווייטער ערקלערט דעם ענין מער פרטיות'דיג. דער וועג ווי אזוי מען דארף מתפלל זיין ווענד זיך; איידער א גזירה ווערט באשטימט, קען מען נאך מתפלל זיין ווי געווענליך, אבער אויב האלט מען שוין נאכדעם וואס א גזירה איז באשטימט געווארן אין הימל, דארף מען מתפלל זיין אויף אן אופן וואס די מקטריגים זאלן נישט קענען שולט זיין.

דער רבי האט אין דעם תורה דערמאנט נאך הויכע ענינים, אינצווישן האט ער געזאגט: "דורך מקיים זיין מצוות מיט שמחה, קען מען דערגרייכן גאר הויך צו וויסן איבער גזירות וואס ווערן געפלאנט אין הימל און מ'קען אפילו וויסן אויב די גזירה האלט ביים ערשטן שטאפל איידער ס'איז נגזר געווארן אדער אויב מען האלט שוין דערנאך.

דער האט רבי ארומגעשמועסט אז מען זאל דאווענען מיט אלע כוחות אז די ווערטער זאלן דינערן אין קאפ און אריינדרינגען אין הארץ! דער רבי האט ערקלערט אז די עיקר וואס האלט אפ דעם מענטש פון דאווענען ווי עס דארף צו זיין, זענען די פרעמדע מחשבות וואס באלאגערן

דעם קאפ. דער רבי האט דאס מקשר געווען מיט ספיקות אין אמונת צדיקים מיט וואס פיל מוטשען זיך דערמיט ווייל זיי הערן חלוקי דעות פון די צדיקים אליין. דער רבי האט ערקלערט טיפע סודות פון דעם אויפטו פון די חלוקי דעות, ערשטנס, דאס טוט דערוויטערן די וואס זענען ליידער נישט ראוי צו מקורב ווערן און נאך אנדערע הויכע ענינים זענען דא דערביי.

אלע אנוועזענדע ביים טיש וועלכע האבן זיך איינגעהערט צו די פארכטיגע תורה וואס האט זיך געגאסן פון רבינ'ס הייליגע מויל, האט יעדער באזונדערט געקלערט צו זיך: 'ממש מיך האט דער רבי געמיינט דא. ס'איז קלאר. פונקט דאס האב איך געדארפט הערן פאר מיינע פערזענליכע געברויכן אין עבודת השם...'

אויף רבי נתן איז דארט געזעסן און געקלערט די זעלבע זאך. רבי נתן דערציילט אז כאטש וואס ער האט נישט פארשטאנען די תורה צוליב איר טיפקייט, פארט האט ער געהאט א געוואלדיגע חיזוק פון רבינ'ס רייד. ער האט געשפירט ווי יעדע טייל פון די תורה האט צו אים א פערזענליכע שייכות וואס ער האט געדארפט הערן צו באקומען הדרכה אויפן לעבן. אפילו די נקודה וואס דער רבי האט ארויסגעברענגט איבער די חלוקי דעות פון צדיקים, האט אים קלארגעשטעלט די שאלות וואס האבן אים געעגבערט, צב"ש פארוואס זיין גרויסער שווער, רבי דוד צבי וועלכער איז באמת א גאון און צדיק איז דערוויטערט געווארן פון חסידות צוליב די מחלוקות פון די תלמידי בעל־שם.

נאך ראש השנה האבן די חסידים עטוואס אנגעהויבן צו באגרייפן צו וואס דער רבי האט געצילט מיט די תורה וואו ער האט ארומגערעדט איבער גזירות. דער צאר פון רוסלאנד האט געגרינדעט די 'קאמיטע פאר אידן' צו שטעלן נייע געזעצן ווי אזוי צו פירן דאס אידישן לעבן. איי, וויפיל צרות האט דאס געברענגט אויף אידישע קינדער...

אין די ביטערע געזעצן האט זיך אריינגערעכנט די ערשטע שטאפלען פון די טרויעריג בארימטע קאנטאניסטן גזירות - צו נעמען יונגע אידישע קינדער אין די רוסישע מיליטער, אזוי אויך די גזירות וואס האבן געצוואונגען די אידן צו לערנען די רוסישע שפראך און אנדער גוי'שע לימודים.

דער רבי האט זייער געוויטאגט אויף דעם און געזאגט אז דאס וועט חס ושלום ברענגען א חורבן ביי כלל ישראל. אין דעם תורה האט דער רבי מרמז געווען אז מען האלט שוין ליידער נאך די גזירות רעות. דער רבי האט אריינגעלייגט גאר אסאך הימלישע כחות צו מבטל זיין די גזירות רעות און אסאך פון זיינע הייליגע תורות יענעם יאר זענען געווען געצילט צו דעם.

דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט: ווען אלע צדיקים וואלטן מיר מיטגעהאלפן צו אפשרייען די גזירות, וואלט איך עס געקענט אינגאנצן צונישט מאכן."

נאכן זאגן די ראש השנה'דיגע תורה, האט דער רבי זיך אנגערופן: "איך האב עס אפגעשטופט אויף עטליכע און צוואנציג יאר."

און טאקע אזוי איז געווען, פון ווען די שמועות איבער די ביטערע גזירות זענען ארויס, ביז ווען זיי זענען אריין אין קראפט, האט געדויערט פינף און צוואנציג יאר.

# די ווארימע
# חבורה אין צפת

אז מען גייט קיין צפת צווישן די קברים פון די גרויסע הייליגע צדיקים אינעם צפת'ער בית בקברות, וואו עס ליגט דער אר"י ז"ל און דער קבר פון הייליגן בית יוסף און דער רידב"ז זעט מען דערנעבן א קבר פון א ברסלב'ער חסיד וועמענס יארצייט פאלט אויס דעם שבת ט' כסלו.

דער ברסלב'ער חסיד ר' נתן בן ר' צבי הירש פון טיראוויצע. וועלכער איז ארויף אינאיינעם מיט זיין טאטן קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין שטאט צפת.

גאר אסאך פון אונזערע גרויסע לייט זענען געווען בקשר מיט דעם ר' נתן, כמעט אלע ברייוו פון רבי נתן ב"ר יהודה פון טבריה, וואס איז געדרוקט אין ספר 'נתיב צדיק', איז געשריבן געווארן צו אים און זיין זון ר' סנדר האט עס געדרוקט לדורות עולם.

ער האט אסאך געטון פאר כבוד ה' יתברך און כבוד פארן צדיק האמת, סיי בגוף, סיי מיט געלט. אין יאר תרס"ט האט ער אינאיינעם מיט רבי ישראל קארדונער ז"ל מייסד געווען דאס בית המדרש און חברת 'קימת חצות לילה'. ער האט טאקע געהאט אין באזיץ גאר אסאך כתבים פון אונזערע לייט און רבי ישראל קארדונער האט עס געדרוקט און מפיץ געווען אויף דער וועלט. אזוי אויך האט ר' שמואל הורביץ ז"ל געדרוקט שיחות פון רבי'ן און ר' נתן פון דער כתב יד פון אונזער ר' נתן פון טיראוויצע אין ספר אבניה ברזל.

רבי שמואל הורביץ פון צפת, שרייבט אין זיין ספר 'ימי שמואל' וועגן זיינע קינדער יארן: "אזוי אויך האט געלערנט אין מיין חדר אן אייניקל פונעם ברסלב'ער חסיד הנגיד רבי נתן מטראוויצע זכרונו לברכה, ער פלעגט ברענגען אין חדר דעם ספר 'סיפורי מעשיות' און מיר קינדער האט אינאיינעם געלערנט די מעשה פון די זיבן בעטלערס, איך האב אבער דאן נישט געוואוסט וואס דאס איז, און דער מלמד רבי נח שלמה זכרונו לברכה, האט ליב געהאט די ברסלב'ע חסידים אהבת נפש, ער פלעגט שטענדיג מוסר זאגן פאר ר' נתן'ס אייניקל: "זאלסט זען צו זיין א ירא שמים, דיין זיידע ר' נתן גייט יעדן טאג אויפן קבר פון אר"י זכרונו לברכה, און שרייט און בעט פון באשעפער דו זאלסט וואקסן אן ערליכער איד א ירא שמים'.

עס איז נישט אריבער קיין נאכט וואס ר' נתן זאל נישט אויפשטיין פארטאגס און לערנען משניות, שלחן ערוך און דעם רבי'נס ספרים. גלייך ווען עס האט געטאגט איז ער געגאנגען אין מקוה, דאווענען. נאך תפלת שחרית איז ער געזעצן מיטן טלית און תפילין ביז צען אזייגער, דאן איז ער אהיים עסן פרישטאג און פון דארט איז ער אריבער צו זיין פאבריק וואו ער האט געארבעט אינאיינעם מיט זיין זון ר' סנדר.

ביי די ערשטע וועלט מלחמה ווען ס'איז פארלוירן געווארן קאנטאקט צווישן ארץ ישראל און חו"ל, עס איז דאן געווארן א מאנגל פון גאז צו באלייכטן די לעמפ פלעגט ר' נתן זיצן א גאנצע נאכט אין חצר און לערנען זיינע שיעורים צום שיין פון דער לבנה.

יעדע וואך ביי שלש סעודות פלעגט די ברסלב'ע חסידים זיך צונויפקומען ביים אים אין שטוב לערנען ליקוט"י מוהר"ן און זינגען די זמירות ביז שפעט אין די נאכט שעות.

ביים לעצטן טאג פון זיין לעבן האט ער זיך געשטעלט דאווענען מנחה און געדאווענט מיט כוונה און דערנאך אריין אין בעט און אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה יהא זכרו ברוך.

אויף זיין מצבה שטייט: פ"נ ר' נתן ב"ר צבי ז"ל מטרוביץ המקושר בדרכי החסידות להאדמו"ר הק' הר' נחמן מבראסליב נכד הבעש"ט זיע"א נ' ט' כסלו תרע"ט תנצב"ה.

דֶערְוַוייל הָאט מֶען דֶערְלַאנְגְט צוּם ׳מֶלֶךְ׳ מְסִירוּת אוֹיף דֶעם ׳גַאבִּירְנֶער׳: ״בַּאֲשֶׁר [אַז] עֶר טוּט ׳פַאלְטְשְׁקֵייט׳״! – הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אִים מַעֲבִיר גֶעוֶועזְן (כְּלוֹמַר: אָפְּגֶעזֶעצְט [אָפְּגֶעזָאגְט])!

הָאט זִיךְ דֶער ׳מֶלֶךְ׳ מְיַישֵּׁב גֶעוֶועזְן: ״סְ׳אִיז גוּט אַז סְ׳זָאל זַיין אַ ׳גַאבִּירְנֶער׳, אַ פְּרָאסְטֶע [פָּשׁוּטֶ׳ע] מֶענְטְשׁ, דְהַיְינוּ: אַ ׳תָּם׳! – וָוארְן דִי ׳תָּם׳ וֶועט פִירְן דִי מְדִינָה מִיט ׳אֱמֶת׳ אוּן מִיט ׳יוֹשֶׁר׳, מַחֲמַת [וַוייל] עֶר וֵוייסְט נִישְׁט קַיין ׳חָכְמוֹת׳ אוּן קַיין ׳הַמְצָאוֹת׳״!

אִיז דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ גֶעפֶעלְן: ״אַז עֶר זָאל מַאכְן דֶעם ׳תָּם׳ (דְהַיְינוּ: דֶער ׳תָּם׳ וָואס עֶר אִיז דֶער חַבֶר פוּן דֶעם ׳חָכָם וָואס דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט נָאךְ אִים גֶעשִׁיקְט) פַאר אַ ׳גַאבִּירְנֶער׳״!

הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעשִׁיקְט אַ ׳אוּקַאז׳ [בַּאפֶעל]:

״אַז דֶער ׳תָּם׳ וָואס עֶר הָאט נָאךְ אִים גֶעשִׁיקְט, זָאל עֶר וֶוערְן ׳גַאבִּירְנֶער׳!

אוּן דֶער ׳תָּם׳ מוּז [דָארְף] פָארְן דוּרְךְ דֶער שְׁטָאט פוּן דֶער ׳גַאבֶּערְנַיֶע׳ [מֶמְשָׁלָה פוּן יֶענֶעם פְּרָאוִוינְץ־גְּלִילוֹת] – בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] זָאל מֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף [אַוֶועקְשְׁטֶעלְן בַּיי] דִי טוֹיעֶרְן פוּן דֶער שְׁטָאט – אַז תֵּיכֶף וִוי דֶער ׳תָּם׳ וֶועט אָנְקוּמֶען, זָאל מֶען אִים פַארְהַאלְטְן [אָפְּשְׁטֶעלְן], אוּן מֶען זָאל אִים אָפְּגֶעבְּן דִי ׳טְשִׁין׳ [בַּאקְרוֹינוּנְגְס צֶעטְל] אַז עֶר זָאל זַיין ׳גַאבִּירְנֶער׳״!

הָאט מֶען אַזוֹי גֶעטָאן – אוּן מֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף [בַּיי] דִי טוֹיעֶרְן – אוּן תֵּיכֶף וִוי עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן, הָאט מֶען אִים פַארְהַאלְטְן [אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט], אוּן מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן ׳גַאבִּירְנֶער׳״!

הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: ״נָאר אָן לֵיצָנוּת״?! – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אַוַודְאַי, אָן שׁוּם לֵיצָנוּת״!

אִיז דֶער ׳תָּם׳ גֶעוָוארְן תֵּיכֶף ׳גַאבִּירְנֶער׳ בְּתוֹקֶף וָעוֹז [מִיט שְׁטַארְקֵייט]!

אוּן הַיינְט אַז דָאס ׳מַזָל׳ הָאט זִיךְ אִים שׁוֹין אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן – אוּן ״מַזָל מַחְכִּים״ (דְהַיְינוּ: דָאס ׳מַזָל׳ מַאכְט קְלוּג) [שַׁבָּת קנו.] – הָאט עֶר שׁוֹין גֶעקְרִיגְן אַבִּיסְל ׳הֲבָנָה׳ (דְהַיְינוּ: פַארְשְׁטַאנְד) – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶענוּצְט מִיט זַיין ׳חָכְמָה׳, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט מִיט זַיין ׳תְּמִימוּת׳ אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר!

אוּן עֶר הָאט גֶעפִירְט דִי מְדִינָה, מִיט ׳תְּמִימוּת׳, מִיט ׳אֱמֶת׳, אוּן מִיט ׳יוֹשֶׁר׳ – אוּן עֶר הָאט קַיין שׁוּם ׳פַאלְטְשְׁקֵייט׳ אוּן קַיין ׳עַוְלָה׳ נִישְׁט גֶעטָאן קֵיינֶעם! – אוּן אוֹיף פִירֶעכְץ פוּן אַ מְדִינָה, בַּאדַארְף מֶען

קַיין גְרוֹיסְן שֵׂכֶל אוּן קַיין חָכְמוֹת נִישְׁט, נָאר 'יוֹשֶׁר' אוּן 'תְּמִימוּת'!

אַז ס'זֶענֶען גֶעקוּמֶען 'צְוֵויי מֶענְטְשְׁן' זִיךְ לָדוּן [מִשְׁפְּטְ'ן] פַאר אִים, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיזְט זַכַּאי, אוּן דוּ בִּיזְט חַיָיב"! - אַזוֹי־וִוי זַיין 'תְּמִימוּת' אוּן זַיין 'אֱמֶת' אִיז גֶעוֶוען, אָן אַ שׁוּם 'רַמָאוּת' [פְּאפֶּערַיי], אוּן אָן 'פַּאלְטְשְׁקֵייט'.

אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אַלְץ [אַלֶעס] גֶעפִירְט מִיט 'אֱמֶת'!

הָאט אִים דִי מְדִינָה זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט! - אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גֶעטְרַייעֶ 'יוֹעֲצִים', וָואס זֵיי הָאבְּן אִים לִיבּ גֶעהַאט בֶּאֱמֶת!

אוּן מַחֲמַת לִיבְּשַׁאפְט - הָאט אִים אֵיינֶער אַ עֵצָה גֶעגֶעבְּן:

"בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] דוּ וֶועסְט זִיךְ בְּוַודַאי מוּזְן קוּמֶען פַאר דֶעם 'מֶלֶךְ', וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין נָאךְ דִיר גֶעשִׁיקְט! - אוּן ווִידֶער דֶער סֵדֶר אִיז, אַז אַ 'גַאבִּירְנֶער' מוּז קוּמֶען פַאר דֶעם 'מֶלֶךְ'!

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]! כָאטְשֶׁע דוּ בִּיזְט זֵייעֶר עֶרְלִיךְ, אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' וֶועט אִין דִיר נִישְׁט גֶעפִינֶען קַיין שׁוּם 'פַּאלְטְשְׁקֵייט' אִין דַיין פִּירֶערְץ דִי מְדִינָה - פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, ס'אִיז אָבֶּער דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ', אַז [וֶוען] עֶר שְׁמוּעֶסְט, אַז אִין [אִינְמִיטְן] דִי רֵייד, גֵייט עֶר אַרַיין אִין דֶער זַייט [זַייטִיגֶע זַאכְן], אוּן הֵייבְּט אָן שְׁמוּעֶסְן [פוּן אַנְדֶערֶע] 'חָכְמוֹת' אוּן 'לְשׁוֹנוֹת' [שְׁפְּרַאכְן]!

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]! אִיז שֵׁיין, אוּן ס'אִיז דֶרֶךְ־אֶרֶץ, אַז דוּ זָאלְסְט אִים קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן - אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז רֶעכְט [רִיכְטִיג], אַז אִיךְ זָאל דִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען חָכְמוֹת אוּן לְשׁוֹנוֹת"!

אִיז דָאס גֶעפֶעלְן דֶעם 'תָּם' - הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "וָואס אַרְט עֶס מִיךְ, אַז אִיךְ וֶועל מִיךְ לֶערְנֶען חָכְמוֹת אוּן לְשׁוֹנוֹת"!

הָאט עֶר זִיךְ גֶעלֶערְנְט, אוּן הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען חָכְמוֹת אוּן לְשׁוֹנוֹת!

אִיז אִים תֵּיכֶף גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם זִין [גֶעדַאנְק], [וָואס] דֶער 'חָכָם' זַיין חָבֵר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַז ס'אִיז נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] בְּשׁוּם־אוֹפֶן, אַז עֶר זָאל קוּמֶען אוֹיף זַיין 'חָכְמָה'"! - אָט בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעקוּמֶען אוֹיף זַיין 'חָכְמָה'!

(אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, כָאטְשֶׁע עֶר הָאט שׁוֹין גֶעווָאוּסְט 'חָכְמוֹת' - הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶענוּצְט מִיט דִי 'חָכְמוֹת' - נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט מִיט זַיין 'תְּמִימוּת' אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר).

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעשִׁיקְט: "אַז דֶער 'תָּם' דֶער 'גַאבִּירְנֶער', זָאל צוּ אִים קוּמֶען"!

אִיז עֶר צוּ אִים גֶעפָארְן!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' פְרִיעֶר גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דֶעם 'תָּם', פוּן דֶעם פִירֶערְץ פוּן דֶער מְדִינָה! אִיז עֶר דֶעם 'מֶלֶךְ' זֵייעֶר וואוֹיל־גֶעפֶעלְן! - וָוארְן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר פִירְט מִיט 'יוֹשֶׁר', אוּן מִיט גְרוֹיס 'אֱמֶת', אָן אַ שׁוּם 'עַוְלָה', אוּן גָאר אָן 'פַּאלְטְשְׁקֵייט'"!

נָאכְדֶעם הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן 'חָכְמוֹת' אוּן 'לְשׁוֹנוֹת'! - הָאט

אִים דֶער ׳תַּם׳ גֶעעֶנְטְפֶּערְט אַזוֹי־וִוי מֶען בַּאדַארְף!

אִיז דָאס דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ נָאךְ בֶּעסֶער גֶעפֶעלְן! – דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ זֶעה, אַז עֶר אִיז אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳חָכָם׳, אוּן פִּירְט זִיךְ פָּארְט מִיט אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳תְּמִימוּת׳״!

אִיז עֶר דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ זֵייעֶר ווֹאוֹיל־גֶעפֶעלְן!

הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אִים גֶעמַאכְט: ״פַאר אַ ׳מִינִיסְטֶער׳ [הַאר] אִיבֶּער אַלֶע ׳מִינִיסְטֶערְס׳ [הַארְן]״!

אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט גֶעהֵייסְן: ״מְ׳זָאל אִים אָפְּגֶעבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטָאט, וָואס דָארְט זָאל עֶר זִיצְן״! – אוּן הָאט גֶעהֵייסְן: ״אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְמוֹיעֶרְן זֵייעֶר ׳שֵׁיינֶע מוֹיעֶרְן׳, אַזוֹי־וִוי סְ׳קֶער צוּ זַיין״!

אוּן הָאט אִים גֶעגֶעבְן אַ ׳כְּתַב׳ אוֹיף דֶעם: ״אַז עֶר זָאל זַיין ׳מִינִיסְטֶער׳״!

אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען – [אַז] מֶען הָאט אִים אוֹיסְגֶעמוֹיעֶרְט זֵייעֶר ׳ווֹאוֹילֶע מוֹיעֶרְן שֵׁיינֶע׳, אִין דֶעם אָרְט [פְּלַאץ] וָואס דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט גֶעהֵייסְן!

[אוּן עֶר אִיז אַהִינְגֶעגַאנְגֶען] – אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶענוּמֶען דִי גְדוּלָה בְּתוֹקֶף [מִיט שְׁטַארְקֵייט]!

דֶער ׳חָכָם׳ – אַז סְ׳אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען דֶער ׳בְּרִיווּ׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט צוּ דֶעם ׳חָכָם׳ וָואס עֶר הָאט גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] דֶעם ׳בְּרִיווּ׳: ״וַוארְט, אוּן נֶעכְטִיג דָא אִיבֶּער – וֶועלְן מִיר אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ מְיַישֵּׁב זַיין״!

אוֹיף דֶער נַאכְט, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אוֹיף [פַאר] אִים אַ גְרוֹיסֶע ׳סְעוּדָה׳!

אִין [אִינְמִיטְן] דֶעם עֶסְן, הָאט דֶער ׳חָכָם׳ (דֶער חַבֵר פוּן דֶעם ׳תַּם׳) אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלוּגְן [אִיבֶּערְקְלוּגְן] אוּן צוּ קְלֶערְן מִיט זַיין ׳חָכְמָה׳ אוּן מִיט זַיין ׳פִילוֹסוֹפְיָא׳ [פִילָאזָאפְיֶע], אוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן הָאט גֶעזָאגְט:

״וָואס קֶען דָאס בַּאדַייטְן: וָואס אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳מֶלֶךְ׳, זָאל שִׁיקְן נָאךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] קְלֵיינֶעם מֶענְטְשׁ וִוי ׳אִיךְ׳ בִּין?! – וָואס בִּין ׳אִיךְ׳ עֶס אַז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ זָאל שִׁיקְן נָאךְ מִיר?!

וָואס טַייטְשׁ: [אַז] אַזוֹי אַ [אַזַא] גְרוֹיסֶער ׳מֶלֶךְ׳ – וָואס עֶר הָאט אַזוֹי אַ ׳מֶמְשָׁלָה׳, אוּן אַזוֹי אַ ׳גְדוּלָה׳ – אוּן ׳אִיךְ׳, אַזוֹי קְלֵיין וִוי אִיךְ בִּין, אַקֶעגְן אַזוֹי אַ [אַזַא] גְרוֹיסְן [אוּן פָארְכְטִיגְן] ׳מֶלֶךְ׳? – נָא וִוי גֶעשִׁיקְט זִיךְ [וִויאַזוֹי פַארְשְׁטֵייט מֶען] דָאס אִין ׳שֵׂכֶל׳, אַז אַזוֹי אַ ׳מֶלֶךְ׳ זָאל שִׁיקְן נָאךְ מִיר?!

אִיךְ זָאל זָאגְן:

מַחֲמַת [אַז צוּלִיבּ] מַיין ׳חָכְמָה׳ הָאט עֶר נָאךְ מִיר גֶעשִׁיקְט?! – וָואס טְרֶעף ׳אִיךְ׳ אָן אַקֶעגְן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳?! – הָאט דֶען דֶער ׳מֶלֶךְ׳ קַיין ׳חֲכָמִים׳ נִישְׁט?! – אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אַלֵיין, אִיז זִיךְ אוֹיךְ בְּוַודַאי אַ גְרוֹיסֶער ׳חָכָם׳? – אוּן וָואס אִיז דָאס אַז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ זָאל נָאךְ מִיר שִׁיקְן״?!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערוֹיף זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט!

שם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן





## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (5)

**א. וועלכע נאך שליחות האט דער קעניג געשיקט צום תם?**
- ❑ ער האט אים געשיקט א קאנווערט מיט געלט.
- ❑ ער זאל ווערן א גאבירניר.
- ❑ ער זאל שנעל קומען צום קעניג'ס פאלאץ.

**ב. ווי אזוי האט דעם תם באקומען אביסל פארשטאנד ?**
- ❑ ווייל ער האט אנגעהויבן צו לערנען חכמות.
- ❑ וויל זיין חבר דער חכם האט עם אויס געלערנט.
- ❑ ווייל זיין מזל האט זיך אים שוין אויף געהויבן, און מזל מאכט קלוג.

**ג. ווי אזוי האט דער תם געפירט די מדינה ?**
- ❑ מיט תמימות, מיט אמת און מיט יושר.
- ❑ מיט חכמה און מיט גלוגשאפט.
- ❑ מיט ישוב הדעת.

**ד. האט די מדינה ליב געהאט דער תם?**
- ❑ זיי האבן אים ליב געהאט.
- ❑ זיי האבן אים פיינט געהאט.
- ❑ זיי האבן אים זייער ליב געהאט.

**ה. האט דער תם געלערנט צום סוף חכמות?**
- ❑ יא.
- ❑ ניין.
- ❑ ער האט געלערנט נאר לשונות אן חכמות.

**ו. פאר וואס איז זייער געפעלן דער תם פארן מלך?**
- ❑ ווייל ער פירט מיט גרויס אמת אן א קיין שום עוולה
- ❑ ווייל ער איז א חכם, און פירט זיך מיט תמימות.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. וואס האט דער מלך געמאכט פארן תם?**
- ❑ פאר א שר האוצרות.
- ❑ ער האט איבער געגעבן זיין פלאץ.
- ❑ פאר א מיניסטער איבער אלע מיניסטערים.

**ח. וואס האט דער מלך געהייסן מען זאל בויען פארן תם?**
- ❑ מען זאל אים בויען א שיינע פאלאץ.
- ❑ מען זאל אים בויען א פריוואטע שטוב.
- ❑ מען זאל אויסמויערן זייער שיינע מויערן.

ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צווייםאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

וועלכע זאכן וואס איז אין די מעשה פון די וואך, האט דער רבי געבעטן מען זאל זיך זייער דערוואונדערן דערפון ?

און וועלכע מעשה נאך ווערט עס דערמאנט ?

**תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (4)❑**

וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה "תם"? 31

ווער פלעגט לויפן? דער תם ווער האט זיך מיישב געווען? דער מלך ווער איז געפארן? די שלוחים פון דער מלך ווער האט אויסגעלאכט? דער חכם ווער איז זייער פרייליך געווען? דער תם

**צוליב טעכנישע סיבות האט די בחינות אויפן טעל-ליין נישט געארבעט די לעצטע וואכן, בעז"ה באנייען מיר זיך און מען וועט קענען מאכן די בחינות אויפן טעל-ליין, ואתכם הסליחה.**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 72-3333-5-02 646-585-3040**

# שְׁטֵייגֶן

**דֶער תַּם אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין גְרָאדְקַייט און תְּמִימוּת, און גֶעוָוארְן דֶער מִינִיסְטֶער פוּן שְׁטָאט. דָאס פִּירְן דִי שְׁטָאט אִיז גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן לוֹיט זַיין בַּאפֶעל, און מִיט דִי צַייט הָאט אִים דֶער קֶענִיג גֶעמַאכְט אַלְס מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן!**




לָאמִיר צוּרִיקְגֵיין צוּ דִי חֲבֵרִים אִין כִּתָּה יַעְנְקִי און שָׁאוּל.

בַּיי חֲזָרָה, אִיז יַעְנְקִי צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם מְלַמֵּד מִיט אַ שְׁאֵלָה. גֵייעֶנְדִיג צוּ זַיין פְּלַאץ, הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַ בְּלַאט פוּן דִי עֶרְד, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט דֶערִין, און זַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁטַארְצְט פוּן קִנְאָה.

דִי גַאנְצֶע סוּגְיָא אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אִין מְסוּדָּר'דִיגֶע שׁוּרוֹת מִיט אַ קְלָארֶע און לֵייכְטֶער שְׁרִיפְט. אוֹיף יֶעדֶע שְׁאֵלָה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ נוּמֶער, אוֹיף אַ קוּשְׁיָא אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז אַ קוּשְׁיָא. דִי רְאָיוֹת זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט אַ גְרִינֶע קָאלִיר, דִי תְּשׁוּבוֹת און תֵּירוּצִים מִיט אַ בְּלוֹיֶע קָאלִיר. עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וַויי גֶעטוּן דָאס צוּ זֶען. ״וואוּ בִּין אִיךְ, און וואוּ זֶענֶען מַיינֶע חֲבֵרִים. אִין דִי צַייט וָואס נֶעמְט מִיר צוּ פַאַרְשְׁטֵיין דִי חִילּוּק צְוִוישְׁן אַ שְׁאֵלָה און אַ קוּשְׁיָא, צְוִוישְׁן אַ מִשְׁנָה און אַ בְּרַיְיתָא, הַאלְטְן שׁוֹין מַיינֶע חֲבֵרִים בַּיי מְפָרְשִׁים, זֵיי גֵייעֶן אוֹיפְן וֶועג פוּן דִי שַׁארְפֶע לַמְדָנִים. אֲלֶכְּסַנְדֶר הָאט טִיפֶע חִידּוּשִׁים, יָאסֶעלֶע הָאט רְאָיוֹת פוּן אַנְדֶערֶע גְּמָרוֹת, יִצְחָק זָאגְט נָאךְ דִי גַאנְצֶע סוּגְיָא מְסוּדָּר דֶעטַאל נָאךְ דֶעטַאל, און אִיךְ - אוֹי-אוֹי-אוֹי״....

אָבֶּער גְלַייךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעכַאפְּט. עֶר הָאט שְׁטַארְק פַארְמַאכְט זַיין הַאנְט, און גֶערֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיינְס: ״יַעְנְקִי, דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק! גֵיי וַוייטֶער אוֹיף דַיין וֶועג, פְרֵיי דִיךְ מִיט דַיינֶע יְדִיעוֹת! יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעפְרֶעגְט דַיין מְלַמֵּד אַ שְׁאֵלָה, און דוּ הָאסְט שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען דִי צְוֵוייטֶע שְׁאֵלָה. דוּ קֶענְסְט זִיךְ זֶעצְן דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן. פְּרוּבִּיר אַז עֶס זָאל זַיין אַ קְלָארֶע שְׁרִיפְט...״

יַעְנְקִי אִיז גֶעוֶוען אַ גְלַייכֶער אִינְגְל. זַיין וָוארְט אִיז אַ וָוארְט, אָן קֵיין הֶסְבֵּרִים און פְּשֶׁטְ'לֶעךְ. עֶר הָאט גֶעזָאגְט וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אָן עֶס אוֹיפְבְּלָאזְן און פַארְגְרֶעסֶערְן, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען און נִישְׁט מֶער. אַלֶע הָאבְּן גֶעוואוּסְט: יַעְנְקִי אִיז אַ קִינְד אוֹיף וֶועמֶען מֶען קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין פְּשֶׁטְ'לֶעךְ און דְרֵיידְלֶעךְ....

עֶס הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען קֵיין סַאךְ צַייט, און יַעְנְקִי אִיז גֶעוָוארְן דֶער מְמוּנֶּה צוּ פַארְהֶערְן דִי חֲבֵרִים מִשְׁנַיוֹת בַּעַל פֶּה. נָאךְ וָואס דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעזֶען אַז אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס פַארְהֶערְן זִיךְ זֶענֶען מְרַמֵּז

המשך אויף זייט 2

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע״י
הר״ר נפתלי שפירא הי״ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע״י
הר״ר רפאל קנעפלער הי״ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע״י
הר״ר פנחס גוטמאן הי״ו
לרגל נישואי בנו למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע״י
הר״ר יהודא כהן הי״ו
לרגל שמחת הבר מצוה לבנו למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע״י
הר״ר שמעון כהן הי״ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב